**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/24/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שטעלט אוועק נייע 'נעמט אייער איינשפריץ פאר אן אפנלופטיגע אוואנטורע' וואקסין סוויפסטעיקס פאר יעגער, פישכאפער, און אפענע-לופט-ליבהאבער**

***ערשטע 2,000 ניו יארקער וועלכע באקומען ערשטע וואקסין דאזע צווישן דעצעמבער 1'טן און ענדע יאר בארעכטיגט איינטריט אין דעם גורל***

***גרענד פרייזעס רעכענען אריין אפציע פון לעבנסלאנגער פישכאפן און בויגן-געיעג לייסענסער און ערשטראנקיגע געצייג***

***אלע איינטרעטער באקומען סובסקריפשען צו DEC'ס 'קאנסערוועישען מאגאזין' און א בוים פלאנצלינג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט דורך אָפּסטעיט דרייוו-טיים ראדיא א נייע וואקסין אינצענטיוו אונטערצוהייבן וואקסינאציע ראטעס צווישן ניו יארקער וועלכע געניסן פון די גרויסע אפנלופטיגקייט. אנגעהויבן דעצעמבער 1'סטן ביז'ן ענדע יאר וועט סיי ווער עס באקומט זייער ערשטער וואקסין דאזע האבן דער געלעגנהייט זיך איינצושרייבן אין דעם 'נעמט אייער איינשפריץ פאר אן אינדרויסנדיגע אוואנטורע' סוויפסטעיקס און א גורל צו געווינען ספעציעל פרייז פעקלעך צוגעפאסט צו פישכאפער, יעגער, און אנדערע אפענע-לופט-ליבהאבער.

"ניו יארק איז באוואוסט פאר אירע אפענע-לופטיגע אוצרות און רייכע ספּאָרט טראדיציעס, און דער וויכטיגער וואקסין אינצענטיוו טוהט דאס אפשפיגלען," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אזוי ווי מיר גייען אריבער נאך א גרייכפונקט מיט 90 פראצענט פון ניו יארקערס האבן באקומען זייער ערשטע דאזע, דארפן מיר אנהאלטן דעם וואקסינאציע טעמפא. דורך דאס זיך וואקסינירן קענט איר זיך באשיצן, צי איר זענט אינעווייניג צי אינדרויסן. לייגט עס נישט אפ."

פינף גרענד פרייז געווינער וועלן ווערן ארויסגעצויגן פון דעם הויפן פון 2,000 סוויפסטעיקס איינטרעטער צו באקומען זייער ברירה פון דעלאָקס פישכאפן, געיעג און פויגל פעקלען. יעדע גרענד פרייז פעקל וועט אנטהאלטן א לעבנסלאנגער לייסענס און די העכסטע קוואליטעט געיעג און פישכאפן געצייג. דער דעלאָקס פויגל פעקל וועט באשטיין פון א טרעף-קוקער, שפאקטיוו, און נאך.
אין צוגאב וועלן 25 איינטרעטער ווערן אויסגעקליבן צו באקומען זייער ערשטע אויסוואל פון צווייטע-ראנקיגע פישכאפן און געיעג פעקלעך. די פעקלעך וועלן באשטיין פון יערליכע לייסענסער און געצייג ספעציפיש צו פישכאפן, בויגן-געיעג, ביקס געיעג, און אינדיג געיעג. דער אנהויבער פויגל פעקל באשטייט פון א שפאקטיוו, פויגל שפייזער, פויגל זוימען

די ערשטע 2,000 מענטשן זיך איינצושרייבן אין די סוויפסטעיקס וועלן אלע באקומען א בוים פלאנצלינג פון DEC'ס קאלאנעל וויליאם עף. פאקס דענקמאל בוימער-שול אין סאראטאגע, ניו יארק, און זייער אויסוואל פון א געשאנק קארטל צו א גרויסער ספארטווארג געשעפט, אדער אן אומזיסטע נאכט

קעמפינג ביי א DEC קעמפינג ארט. אין צוגאב ווערן אלע סוויפסטעיקס איינטרעטער באקומען אן איין-יעריגע סובסקריפשען צו DEC׳ס *׳קאנסערוועישעניסט מאגאזין׳*, וואס פייערט יעצט איר 75׳סטע יאר פון פובליקאציע.

**DEC קאמישענער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** "DEC שטאלצירט זיך צו שטיצן גאווערנער האקול׳ס באמיאונגען צו וואקסינירן ווי מער ניו יארקער כדי צו באשיצן אויף זיך, זייערע פאמיליעס, און זייערע קאמיוניטיס. ניו יארק איז היים צו ערשטראנקיגע געלעגנהייטן פאר אפענע-לופטיגע פארווייילונג, איבערהויפט געיעג, פישכאפן, און פויגלען. דער ׳נעמט אייער איינשפריץ פאר אן אינדרויסנדיגע אוואנטורע׳ סוויפסטעיקס איז גאר א גוטע מיטל ארויסצוציען ניו יארקער אויף דער נאטור און דערמוטיגן שטרעבנדע יעגער און פישכאפער זיך צו וואקסינירן."

אינפארמאציע איבער וויאזוי זיך איינצושרייבן אין די סוויפסטעיקס וועט זיין אויפ׳ן DEC וועבזייטל (www.dec.ny.gov) אנגעהויבן דעצעמבער 1׳טן. אלע בארעכטיגטע, וואקסינירטע איינטרעטער מוזן נאכפאלגן אלע אנווענדליכע פאדערונגען אויף צו באקומען א געיעג אדער פישכאפן לייסענס אין ניו יארק סטעיט, אריינגערעכנט ענדיגן געפאדערטע יעגער בילדונג קורסן און אנדערע כללים. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט געיעג לייסענסער - ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיט און פישכאפן לייסענסער - ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418